ספרי' — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

**מרת חנה ע"ה ז"ל**

**אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל**

## מוהר"ר ר' לוי יצחק

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו"ר מנחם מענדל

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

**Reshimas Zichronos**
kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 24

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 **נדפס בדפוס:**

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת כ"ד של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

## מערכת „אוצר החסידים"

יום הבהיר כ"ה אדר, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

# די לוי׳

אינדערפרי, איז שוין געווען דער הויף פול מיט מענטשן פון אַלע־ערליי קרייזן, מענער, פרויען, יונגע, אַלטע. ער איז דאָך דאָרט געווען קאַרגע פיר חדשים, און פאַר אַזאַ קורצע צייט — און אַ טייל פון דער צייט האָט ער שוין געקרייענקט — אַזוי מקרב זיין מענטשן צו זיך, מען זאָל ווערן אַזוי צוגעבונדן, דאַרף מען האָבן מיט וואָס.

איבערגעבן די אַרבעט פון די מתעסקים אין דער טהרה און די נאָך איבעריקע זאַכן, ביי די באַדינגונגען, איז דאָס ניט איבערצוגעבן אין ווערטער.

געוויינליך, האָבן מער געטאָן אידן מקורבים, צווישן זיי זיינען געווען לענינגראַדער, ראָסטאָווער, חאַרקאָווער. ביז אַזייגער עלף־צוועלף איז מען פאַרטיק געוואָרן נאָך אַלעמען, האָט מען זיך געלאָזט גיין צו דער לוי׳ אַ גאַנץ הִיפשער עולם.

דער „פעלד״ איז עטליכע קילאָמעטער וועג, באַרג און טאָל, מען האָט אים געטראָגן דעם גאַנצן וועג, אַ פור איז נאָך געפאָרן, אָבער קיינער פון די מלוים האָבן ניט געוואָלט אַרויפשטעלן דעם ארון אויף דעם פור, און האָבן זיך די גאַנצע וועג געביטן ביז דעם בית־עולם.

איך בין אויפן „פעלד״ ניט געגאַנגען, און האָב אויך ניט געלאָזן קיין פרויען[356]. זיי האָבן מיר דערציילט אַז אַהין צו דער קבורה, איז געקומען פון שטאָט נאָך אַ סך מענטשן.

* * *

# די שבעה און די שלשים

צו מעריב איז מען געקומען צוריק, אַ פּאָר מנינים האָבן געדאַוונט

356) ראה שו״ע יו״ד סשנ״ט ס״ב ובנ״כ שם.

מעריב אין דעם צימער וואו ער איז נפטר געוואָרן, און דאָרט בין איך געזעצן שבעה[357].

מען האָט גערעכנט דאַוונען די גאַנצע צייט פון „שלשים", נאָר גלייך האָבן אָנגעהויבן קומען צום דאַוונען אַ פּאָר אידן וואָס מען האָט ניט געוואוסט ווער זיי זיינען. איינער האָט געאַרבעט אויף אַ פאַבריק, אַ שוסטער, אויף וועלכן עס איז געווען אַ חשד פון קענען מסר'ן.

די אידענע וואָס האָט געאַרבעט אין שטוב די לעצטע צייט, איז אויך געוואָרן פרום, און פלעגט קומען אַלעמאָל צום דאַוונען, און וואו צוויי אידן פלעגן שטיין איז זי געווען אַ דריטע, און איז געוואָרן זייער היימיש מיט דעם שוסטער.

דערצו האָט מען גערופן דעם ראַבינאָוו'ן[98] און מען האָט אים געפרעגט וואָס איז דאָס עפּעס געווען אַ לוי' מיט אַזאַ שטורעם? און ער, ראַבינאָוויטש[98], איז געווען אַזוי אַקטיוו אין דעם איינאָרדענען אַלעס. דאָס האָט מען שוין געדאַרפט אויסטראַכטן תירוצים שלא היו בעולם, און זיין גוטער פריינט פון יענעם אַנשטאַלט, האָט אים געזאָגט ער זאָל זיין פאָרזיכטיק. אַזוי אַז אַנדערע האָבן זיך שוין אָפּגעהאַלטן פון גיין דאַוונען.

אַלעמאָל זיינען געקומען אַנדערע מיר מנחם־אבל זיין. נעכטיקן, זיינען אויך פון די באַקאַנטע געקומען. מען האָט מיר די ערשטע צייט אַליין ניט געלאָזט.

אַרום דעם אַלעמען, פון דער באַציאונג פון די גוטע פריינט, און פון דער פּאָטשט וואָס פלעגט אָנקומען אַ סך בריף, מען האָט געקייבלט — ווי מען זאָגט דאָ — סומעס, אויך פון טאַשקענט און סאַמאַרקאַנד[358], מען האָט שוין ליידער מיט דעם גאָרניט געקענט העלפן.

אומעטום איז דאָך דאָ אַ עין־רואה, און מיט אויסלאַנד איז שוין אויך געווען פאַרבינדונג, אַזוי אַז דאָס אַלץ האָט געמאַכט צופיל רושם, און קאָם ביז צוואַנציק טעג האָט מען דעם מנין דאַוונען דערצויגן, און מען האָט געזאָגט אַז די בעל־הבית'טע וויל ניט מען זאָל זיך צונויפקלייבן

357) ראה מעבר יבק – אמרי נועם פל"ה.

358) עבור רופאים ורפואות לרפאות את כ"ק הרלוי"צ.

צופיל מענטשן דאָ אין שטוב. — דער אמת איז געווען אַז זי האָט דאָס זייער גערן — און מען האָט געגעבן צו וויסן דעם עולם, אַז מען דאַווענט דאָ מער ניט.

* * *

## ווער איז דאָס און וואָס איז דאָס

גלייך האָט מען אָנגעהויבן זאָרגן אַז די זעקס פלעצער וואָס מען האָט אָפּגעקויפט, זאָל מען זיי אַרומצאַמען מיט אייזן, און ביז מען וועט שטעלן אַ מצבה, זאָל מען אויסגיסן פון צעמענט, אַ מין בילדונג עס זאָל פאַרהיטן פון די רעגנס מיט די בלאָטעס.

ניט קיין צעמענט, און דער עיקר אייזן איז ניט געווען צו באַקומען. אין דעם המשך פון אַ פּאָר וואָכן, איז אויף אָרדערס פון די עלטסטע אינזשינערן פון דער מלוכה פאַבריק, מיט אַלע־ערליי התחכמות, געווען אַרויסגעגעבן געוואָרן וויפל מען האָט געדאַרפט, אי אייזן אי צעמענט.

זיי, די נאָענטע אונזערע, זיינען געווען פאַר־אינטערעסירט אין יעדער קלייניקייט אויף צו מאַכן וואָס בעסער און וואָס שענער. און מען האָט דאָס אַזוי אַלץ אויפגעשטעלט, אַז ווער עס איז אַרויפגעגאַנגען נאָענט צו דעם אָרט, האָט געפרעגט: ווער איז דאָס און וואָס איז דאָס?

אין אַ קליינער צייט אַרום האָט זיך דאָרט געפעלט ר״ל אַ גיטערמאַן[359], אַ איד אַ בן־תורה, דעם האָרנאָסטייפּאָלער רבי׳נס[360] אַ קרוב[361], די צאַם איז געווען מיט אַ שלאָס צוגעמאַכט, האָבן די מתפללים פון דער שול וואו דער נפטר האָט זיך געפונען, אים געבראַכט אויף דעם בית־עולם, און אַריבערגעקראָכן איבער דער צאַם, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז מען וועט זיי ניט געבן קיין רשיון אויף מקבר זיין דאָרט. און

359) הרה״צ ר׳ מרדכי בהרב ר׳ שלמה גיטערמאן מטשיטשלניק נפטר ביום ו׳ ניסן תש״ו.

360) הרה״ק ר׳ מרדכי דובער טווערסקי מהורנוסטייפל (כ״ט כסלו ת״ר — כ״ב אלול תרס״ג), נכדו וממלא־מקומו של הרה״ק ר׳ יעקב ישראל מטשערקאַס חתן כ״ק אדמו״ר האמצעי.

361) אביו של ר׳ מרדכי הנ״ל, הרה״צ ר׳ שמעון שלמה גיטערמאַן מטשיטשלניק, היה בן־דודו של הרה״צ ר׳ משה גיטערמאַן מקייב, חתנו של הרה״ק מהורנוסטייפל.

זיי האָבן געוואָלט אָפּטאָן כבוד דעם אידן, זיינען זיי עטליכע מענטשן געקומען און געזאָגט אַז זיי האָבן משחד געווען דעם שומר וואָס געפינט זיך דאָרט, און האָבן דאָס אָפּגעטאָן.

איך שרייב פון דעם פאַקט, זען אויף וויפל די פּסיכאָלאָגיע פון די עלטערע אידן האָט זיך דאָרט איבערגעביטן. דעם דורכפירן אַזאַ זאַך מיט אַן אַנדער צוגאַנג, ניט רעכענען זיך אַז עס איז אַ רשות היחיד[362].

* * *

## שטעלן אַ מצבה

די צייט איז שוין געוואָרן אַז די אַלע עוואַקואירטע האָבן שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן צופאָרן זיך אין זייערע שטעט, וואו זיי האָבן זיך פריער געפונען, אָדער אַנדערש־וואו, אויף צו לעבן ניט צייטווייליק ווי דאָ.

איז דאָס ערשטע, האָבן די גוטע פריינט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן שטעלן אַ מצבה, און אָפּט איז ווען מען דאַרף דורכפירן עפּעס, איז ווי קריעת ים סוף, ווי מען זאָגט.

אַלזאָ, איז קיין מאַרמאָר[363] איז דאָך ניטאָ. איז געווען אַ גוי וואָס האָט גע׳גנב׳עט פון דעם גוי׳שן בית־עולם די גוטע שטיינער, און פלעגט זיי עפּעס איבעראַרבטן. דער גוי האָט געוויינליך גענומען גרויסע געלט דערפאַר, און די וואָס האָבן דאָס געדאַרפט צוליב דעם צוועק, האָבן דאָס באַ אים געקויפט.

איך האָב ניט געוואָלט אַז מען זאָל דאָ נוצן וואָס איז געווען אָדער אויף אַ קריסטליכן מת, אָדער פון אַ קלויסטער, האָט ער אויך געהאַט שטיינער, וואָס איז געוויינליך אויך ניט געווען לרצון.

אַוועקפאָרן און לאָזן אַזוי דעם קבר האָב איך ניט געוואָלט, און די גוטע פריינט, נאָך מער פון מיר.

---

362) כלומר: שהמקום שבו הם קוברים את המת נקנה עבור מ״כ של הרלוי״צ (ראה לעיל ע׳ 000).

363) שַיִש.

האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אויף איינעם פון די מלוכה פאַבריקן אין שטאָט, האָט מען, ניט לאַנג צוריק, געבראַכט פון מאָסקווא עטליכע גרויסע מאַרמאָרנע שטיינער. האָט מען איינע פון זיי מחליט געווען מקדיש צו זיין אויף דעם.

ווי אַזוי? דער עלטסער איבער די בוכהאַלטערס וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, איז געווען אַ ליענינגראַדער איד, און ווען מען האָט אים געזאָגט וועגן וועמען דאָס רעדט זיך, און ער האָט זיך דערמאָנט וועגן זיין זיידן וועלכן ער געדיינקט פון יוגנט, ווי ער האָט שטענדיק געלערנט תורה, און וועדליק, ווי מען האָט אים דערציילט פון די רייד וואָס דער רב פלעגט רעדן אין שול, און אַזוי פאַר מענטשן, איז דער אינהאָלט דער אייגענער מיט זיין זיידנס לערנען. און דערפאַר האָט ער אויף זיך גענומען אויפצושטעלן איינעם פון די מאַרמאָרס וואוהין מען דאַרף צוליב דעם צוועק.

אויף אַרויספירן פון פאַבריק, האָט מען געמוזט האָבן אַ „פראַפּוסק"[83], און אַן אָרדער וואוהין מען פירט דאָס. דער שומר וואָס האָט דאָס געדאַרפט דורכפירן האָט באַקומען אַ מנה־יפה. דעם שומר'ס אחריות איז געווען גרינגער, ווייל מיט אים צוזאַמען האָט געזינדיקט אַן עלטערער אָנגעשטעלטער, און די פרוי פון דעם „נאַטשאַלניק"[40], דעם לענינגראַדער אידן, האָט גענומען אַ פאָעטאָן[364] פון פאַבריק און ווען עס איז געוואָרן טונקל, פאַרנאַכט, האָט זי דאָס אַוועקגעפירט וואוהין מען האָט איר אָנגעוויזן.

זי האָט מיר דערנאָך דערציילט אַז זי האָט אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם, ניט געקענט זיך באַרואיקן פון מורא וואָס זי האָט געהאַט פאָרנדיק מיט דעם שטיין.

* * *

## וואָס צו שרייבן אויף די מצבה

אַז מען האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, האָט זיך אָנגעהויבן ישוב־הדעת'ן,

---

364) מכונית פתוחה.

וועגן וואָס צו שרייבן אויף דעם שטיין? ניט וועגן דעם טיטול, נאָר פאַר דעם פרסום, האָט מען איבערגעטראַכט.

מען האָט מיר אַלעמאָל געוויזן וואָס מען האָט אָנגעשריבן, און מען האָט מחליט געווען: ניט שרייבן, ווי מען זאָגט דאָ, דעם צווייטן נאָמען[248], נאָר דעם ערשטן בן פלוני, און אויך ניט שרייבן די שטאָט וואו ער איז געווען רב, נאָר „פה נטמן הרה״ח המפורסם פלוני בן פלוני״ און די דאַטום[365]. זיי האָבן געפונען אַ ספעציאַליסט וועלכער האָט דאָס גוט אָפּגעאַרבעט.

זיי פלעגן גאַנץ אָפט גיין אַהין. „צום גדלי״ זיינען דאָרט געווען אַ סך מענטשן.

* * *

אַזוי האָט ער געענדיקט זיין לעבן, אַ שווערן וועג דורכגעגאַנגען. אַלעמעאָל געקעמפט. אַ מענטש וואָס איז ניט געווען שייך צו קיין פשרות, קיין חצי שלי וחצי שלך האָט ער ניט געוואוסט. עס האָט אים געקאָסט גאַנץ טייער, נאָר זיך ניט אונטערגעגעבן קיינמאָל. ביים אָנהויב האָט ער אַלעמאָל געהאַט אַ סך געגנער, אָבער צום סוף פלעגן זיי ווערן זיינע חסידים, גוטע פריינט.

ער איז אַוועק, וזכותו יגן על בניו שיאריכו ימים עם בני־ביתם ויחיו חיים טובים ברוחניות ובגשמיות ויצליחו בכל מעשיהם בכל הפרטים.

* * *

365) נוסח המצבה כפי שנחרט בפועל:

פ׳ ✡ נ׳

ונגנז הרב הגאון

ר׳ **לוי יצחק**

בהרב ר׳ **ברוך שניאור**

שנפטר כ׳ לחודש

מנ׳ אב שנת ת׳ש׳ד׳

לפ״ק ת.נ.צ.ב.ה.

## ההלווייה

בבוקר היתה כבר החצר מלאה אנשים מכל החוגים — גברים, נשים, צעירים ומבוגרים.

תקופת שהותו של בעלי בעיר לא ארכה אפילו ארבעה חודשים, ומובן שכדי לקרב אנשים אליו בצורה כזו, עד שהפכו להיות מקושרים אליו בכל נימי נפשם, במשך תקופה כה קצרה — שבחלקה היה בעלי רתוק למשכבו — צריך שיהיה במה לקרב...

את עבודתם של המתעסקים בטהרה ובשאר העניינים, בתנאים ששררו שם — לא ניתן לתאר במלים.

מובן שעסקו בכך בעיקר יהודים שהיו מקורבים אל בעלי — ביניהם יהודים מלנינגרד, מרוסטוב ומחרקוב. עד השעה 12־11 הושלמה כל המלאכה, והציבור — שהיה גדול למדי — יצא במסע ההלווייה.

בית־העלמין היה רחוק מספר קילומטרים מביתנו, דרך מלאה עליות וירידות, אך המלווים נשאו את בעלי בעצמם לאורך כל הדרך. אחרי המלווים נסעה עגלה, אולם איש מהם לא רצה להניח עליה את הארון, וכך התחלפו נושאי הארון לאורך כל הדרך עד בית־העלמין.

אני עצמי לא הלכתי אל בית־העלמין, ואף לא הנחתי לנשים אחרות ללכת[182]. המלווים סיפרו לי שלקראת הקבורה הגיעו לבית־העלמין עוד אנשים רבים מהעיר.

## התפילות בתקופת האבלות

לקראת תפילת מעריב חזרו המלווים, וכמה מניינים מהם התפללו מעריב בחדר שבו נפטר בעלי, ושם גם ישבתי שבעה[183].

הכוונה היתה להתפלל שם במשך כל תקופת ה״שלושים״. דא עקא, שמיד החלו להופיע לתפילות מספר יהודים שאיש לא ידע את זהותם. אחד מהם עבד כסנדלר באחד המפעלים, והתעורר חשד שהוא עלול להלשין.

---

182) ראה שו״ע יו״ד סשנ״ט ס״ב ובנ״כ שם.

183) ראה מעבר יבק — אמרי נועם פל״ה.

היהודייה שעבדה בביתנו בתקופה האחרונה החלה אף היא לגלות אדיקות יתרה, והיתה מגיעה תמיד לתפילות, ובכל מקום שבו עמדו שני יהודים — הצטרפה אליהם כשלישית. אשה זו התיידדה במיוחד עם אותו סנדלר.

בנוסף לכך, רבינוב[48] נקרא לחקירה ונשאל מדוע נערכה ההלווייה בפרהסיא כה גדולה, ולא זו בלבד אלא שהוא, רבינוביץ׳, נטל חלק כה פעיל בארגון כל זאת!... כדי להסביר זאת נאלץ רבינוביץ׳ להמציא תירוצים שלא היו בעולם, וידיד טוב שהיה לו באותו משרד יעץ לו להיזהר. בעקבות זאת נמנעו רבים מלהגיע ולהשתתף בתפילות.

לאורך כל ימי האבלות הגיעו אנשים נוספים לנחמני בניחום אבלים. כמה מהמכרים נשארו גם ללון בביתנו. בתקופה הראשונה לא השאירו אותי לבדי.

בשל כל זאת — פעולותיהם של ידידינו הטובים, ידיעות שהגיעו מהדואר על מכתבים רבים שהגיעו אלינו, ועל סכומי כסף שהוברקו (״געקייבלט״, כפי שאומרים כאן) אלינו[184], גם מטשקנט ומסמרקנד (שלמרבה הצער כבר לא היה בהם כדי לסייע) — התעוררה אותה ״עין רואה״, שהיתה בכל מקום. גם עם חוץ־לארץ כבר קיימנו קשר, וכל הדברים הללו יצרו רושם גדול מדי.

המניין לתפילות נמשך, איפוא, בקושי עשרים יום, ואז נמסר שבעלת־הבית אינה מעוניינת בהתכנסות אנשים רבים מדי בביתה (האמת היתה שהיא הסכימה לכך בחפץ־לב), והודיעו לציבור שהתפילות אינן מתקיימות כאן עוד.

## הגדר שלא הועילה

מיד לאחר הקבורה החלו ידידינו לדאוג לגידורם של ששת המקומות שנרכשו בבית־העלמין בגדר ברזל, ועד שתוקם מצבה — לצקת מעל הקבר מלט, כמין מבנה שיגן על הקבר מפני הגשמים והבוץ.

דא עקא, שלא ניתן היה להשיג מלט, ובעיקר לא ניתן היה להשיג ברזל. אך בתוך מספר שבועות, על־פי פקודותיהם של המהנדסים הבכירים ביותר במפעל הממשלתי, ובאמצעות התחכמויות שונות, סופקו לנו הן ברזל והן מלט ככל שנדרש.

184) במטרה לסייע ברפואתו של רלוי״צ.

הם — ידידינו הקרובים — התערבו בכל פרט קטן, במטרה להקים את הגדר הטובה והנאה ביותר שניתן. ואכן, הוקמה גדר כה נאה ובולטת, עד שכל מי שעבר בסמוך לאותו מקום תהה: מי זה ועל מה זה?...

זמן קצר לאחר־מכן נפטר שם, רחמנא לצלן, יהודי בשם גיטרמן[185], בן־תורה, קרוב משפחתו[186] של האדמו״ר מהורנוסטייפל[187]. הגדר סביב ציון בעלי היתה נעולה במנעול. מתפללי בית־הכנסת שבו התפלל הנפטר הביאו אותו אל בית־העלמין וטיפסו מעל הגדר, משום שחששו שלא תינתן להם הרשות לקבור אותו שם, ורצונם היה לחלוק כבוד לאותו יהודי[188]. לאחר־מכן באו אנשים אלה וסיפרו ששיחדו את השומר שהיה שם וערכו את הקבורה.

אני כותבת על מאורע זה כדי להמחיש עד כמה השתנה שם אפילו הלך מחשבתם של יהודים קשישים אלה — עד כדי הוצאה לידי פועל של מעשה שכזה בדרך כה זרה ומוזרה, מבלי להתחשב בכך שמדובר ברשות היחיד[189].

## הקמת המצבה

סוף־סוף הגיעה שעתם של העקורים להתחיל לחשוב על נסיעה בחזרה לערים שבהן התגוררו לפני המלחמה, או למקומות אחרים, שבהם יגורו דרך קבע, ולא במגורים זמניים כפי שגרו כאן.

לכל־לראש החלו ידידינו הטובים לדאוג להקמת מצבה. וכפי שקורה לעתים קרובות — כאשר רוצים להוציא דבר־מה אל הפועל, מתברר שהדבר קשה כקריעת ים־סוף (כפי שנהוג לומר).

ובכן, שיש למצבה — אין. היה שם גוי שהיה גונב מבית־העלמין הנכרי את הטובות שבאבנים, והיה מעבד אותן איכשהו לשימוש חוזר.

---

185) הרה״צ ר׳ מרדכי בהרב ר׳ שלמה גיטערמאן מטשיטשלניק נפטר ביום ו׳ ניסן תש״ו.

186) אביו של ר׳ מרדכי הנ״ל, הרה״צ ר׳ שמעון שלמה גיטרמן מטשיטשלניק, היה בן־דודו של הרה״צ ר׳ משה גיטרמן מקייב, חתנו של הרה״ק מהורנוסטייפל (שבהערה הבאה).

187) הרה״ק ר׳ מרדכי דובער טווערסקי מהורנוסטייפל (כ״ט כסלו ת״ר — כ״ב אלול תרס״ג), נכדו וממלא־מקומו של הרה״ק ר׳ יעקב ישראל מטשערקאס חתן כ״ק אדמו״ר האמצעי.

188) בכך שיקברוהו סמוך לרלוי״צ.

189) כלומר: שהמקום שבו הם קוברים את המת נקנה עבור מ״כ של הרלוי״צ (ראה לעיל ע׳ 000).

הגוי גבה תמורת עבודתו סכומים גדולים, כמובן, ואלו שנזקקו לאבנים כאלה למטרה דומה — רכשו זאת אצלו.

אני מצדי לא הסכמתי שישתמשו עבור בעלי באבן שהיתה קודם לכן על קברו של מת נוצרי, או אבן ששימשה בכנסייה — היו לו גם אבנים כאלה, אבל, כמובן, גם הן לא היו לרצוני.

אך לנסוע ולהשאיר את הקבר כך — לא רציתי, ועוד יותר ממה שלא רציתי אני — לא רצו ידידינו הטובים.

והנה נודע לנו שלאחרונה הובאו ממוסקבה אל אחד המפעלים הממשלתיים בעיר מספר אבני שיש גדולות. הוחלט איפוא להקדיש אחת מאבנים אלו להקמת המצבה.

כיצד? הבכיר שבין מנהלי החשבונות שעבדו באותו מפעל היה יהודי מלנינגרד, וכשהודיעו לו במי המדובר, והוא נזכר בסבו, שאותו זכר בצעירותו כמי שעסק תמיד בלימוד תורה, ולפי מה שסיפרו לו על הדברים שרב זה[190] נהג לשאת בבית־הכנסת או סתם בפני אנשים, היה תוכן הדברים זהה לתוכן לימודו של הסב — קיבל האיש על עצמו להציב אחת מאבני שיש אלו במקום הנדרש למטרה זו.

כדי להוביל את האבן אל מחוץ למפעל היה צורך להשיג אישור מעבר, וכן אישור הזמנה שבו מצויין יעדה של האבן. השומר שעליו הוטל להוציא זאת אל הפועל קיבל מנה יפה. במקרה זה אחריותו של השומר היתה קלה יותר, שכן יחד אתו "חטא" פקיד בכיר.

אשתו של בכיר זה — היהודי מלנינגרד — לקחה מהמפעל מכונית, ולפנות ערב, כשהחשיך היום, הובילה את האבן למקום שהורו לה. לאחר־מכן סיפרה לי שבמשך כל הלילה הבא לא יכלה להירגע מהפחד שאחז בה כשנסעה עם האבן.

## קביעת נוסח המצבה

לאחר שהושלמה מלאכה זו במלואה, החלו דיונים בשאלה מה לכתוב על האבן. הספקות לא היו לגבי התואר המתאים, אלא לגבי הסכנה שבפרסום.

המתדיינים הראו לי תמיד את ההצעות שנכתבו, ולבסוף הוחלט: לא לכתוב את שם המשפחה ("השם השני", כפי שהוא נקרא כאן), אלא

190) רלוי"צ.

את השם הפרטי ״בן פלוני״, וכן לא לכתוב את שם העיר שבה כיהן, אלא ״פה נטמן הרה״ח המפורסם פלוני בן פלוני״ ותאריך הפטירה[191].

ידידינו מצאו אומן שביצע את המלאכה היטב. הם נהגו ללכת לשם לעתים קרובות. בצום גדליה היו שם אנשים רבים.

* * *

כך באו אל קיצם חייו של בעלי עלי אדמות. קשה היתה הדרך שעבר בחייו. תמיד נאבק. אדם שאינו שייך לפשרות כלשהן. את המושג ״חצי שלי וחצי שלך״ — לא הכיר. הדבר עלה לו ביוקר, אבל מעולם לא ויתר. בתחילה היו לו תמיד מתנגדים רבים, אבל לבסוף הם היו נעשים חסידיו ואוהביו.

בעלי נסתלק מן העולם, וזכותו יגן על בניו שיאריכו ימים על בני־ביתם ויחיו חיים טובים ברוחניות ובגשמיות ויצליחו בכל מעשיהם בכל הפרטים.

---

191) נוסח המצבה כפי שנחרט בפועל:

פ׳ ✡ נ׳

ונגנז הרב הגאון

ר׳ **לוי יצחק**

בהרב ר׳ **ברוך שניאור**

שנפטר כ׳ לחודש

מנ׳ אב שנת ת׳ש׳ד׳

לפ״ק ת.נ.צ.ב.ה.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב